d06d387

# Towarzystwo Szerzenia Pracy Zawodowej i Rolnej wśród Żydów, dawn. „Ort"
## ZARZĄD GŁÓWNY

געזעלשאפט צו פארשפרייטן מלאכה און ערד=ארבעט צווישן יידן (געוו. „ארט"). צענטראל=קאמיטעט


Adres wysyłającego: T-wo „ORT" :אדרעס
Warszawa I, Żabia 9.

Telefon טעלעפאן
286-64.


דער צענטראל-פארוואלטונג
פון פארבאנד „אָרט"

פאריז
---------

15/4-39

| Na pismo אייער בריוו | z dnia אייער דאטע | ZNAK אונזער צייכן | DATA אונזער דאטע |
| --- | --- | --- | --- |
| | | 1790/156 | 12.4.1939 |

געשעצטע פריינט,

נאך פראביארן אין נאוועמבער האבן מיר אייך געשיקט מאטעריאלן וועגן גרינדן אין ווארשע א פאך-דערגענצונגס-קורס פאר מעטאל-ארבעטער. גלייכצייטיק האבן מיר אנגעגעבן אין שול-קוראטאריום אויף א קאנצעסיע פאר די דאזיקע קורסן, ווייל דאס זיינען קורסן, וועלכע עס האט נישט קיין צוועק און עס איז אויך נישט די מעגלעכקייט צו פירן אן א קאנצעסיע. איצטער האבן מיר דערהאלטן א מעלדונג אז דאס קוראטאריום איז יא געניגט אזא קאנצעסיע אונז ארויסצוגעבן. עס ווערן נאר געשטעלט געוויסע באדינגונגען, צווישן אנדערע א באדינגונג, אז מיר זאלן איינלעגן 7.000.- גילדן אלס דעפאזיט אויף דעם פאל ווען מיר וועלן נישט דעקן דעם בודזשעט פון די קורסן. אזוינע פאדערונגען ווערן איצטער געשטעלט ביים ארויסגעבן קאנצעסיעס.

מיר האלטן די זאך פאר זייער א וויכטיקער, אבער אין די ראמען פון די בודזשעטן, וועלכע מיר האבן אויסגעארבעט אויף דער לעצטער זיצונג פון צ.ק., קענען מיר דעם פראיעקט נישט רעאליזירן, בפרט, ווען איר האט אונז צו וויסן געגעבן, אז אנשטאט 75.000.- גילדן וועלן מיר האבן אין אונזער רשות נאר אנ'ערך 12.000.- דאלאר.

מיר בעטן אייך דעריבער אונז צו וויסן געבן/ צי איז מאקע די סומע 12.000.- דאלאר א ענדגילטיקע ד.ה. די מאקסימאלע, אדער $$$$ מיר קענען רעכענען אויף גרעסערע איינמאליקע אסיגנירונגען אין צווייטן קווארטאל.-

מיט דרך-ארץ און גרוס

אָ ר ט
געזעלשאפט צו פארשפרייטן מלאכה
און ערד-ארבעט צווישן יידן
צענטראל-קאמיטעט